# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:56
מוצאי שב"ק...................8:26

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שמואל-א' כ'-כ"א
בבלי.......................כתובות ס"ו
ירושלמי.............עבודה זרה ו'
תוספתא..................תרומות ד'
רמב"ם.......................מכירה ז'


פרשת כי תצא, י"ד אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 54 (569)


## אַ וָואוֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיבּ ווִילְסְטוּ נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, ווַייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט אֱמֶת, ווַייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, כִּי תֵצֵא, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפְּל אִיז קוֹדֶם צוּ ווִיסְן בִּכְלַל אַז מְ'שְׁטֵייט אִין אַ מִלְחָמָה, סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן בִּכְלַל נִישְׁט אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אִינְמִיטְן שְׁלַאכְט פֶעלְד, וֶוען מְ'וֵוייסְט כָאטְשׁ אַז מְ'אִיז אוֹיפְ'ן פְרָאנְט, מְ'אִיז יֶעדֶע מִינוּט אִין אַ סַכָּנָה גֶעכַאפְּט צוּ וֶוערְן דוּרְכְ'ן פַיינְט, דַאן פְּרוּבִּירְט מֶען כָאטְשׁ צוּ קֶעמְפְן, מְ'טוּט זִיךְ אָן מִיט שְׁטַארְקֶע פַאנְצֶערְס, מְ'נֶעמְט דִי גֶעוֶועהר אִין דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַן הָאפֶענוּנְג צוּ בַּאזִיגְן דֶעם שׂוֹנֵא.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, לֹא יָכוֹל לוֹ", אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּייקוּמֶען אַלֵיין דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע.

וָואס אִיז אוּנְזֶער גֶעוֶוער? תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אוּנְז אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ "בְּיָדֶךָ", ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ב) וַיְהִי "יָדָיו" אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ, וָואס דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם "פְּרִיסָן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אָבֶער אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, אַז אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְף אַ אִיד נֶעמֶען דִי חִיזּוּק זִיךְ יָא צוּ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה, וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, מְ'דַארְף פַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע דַוְקָא מִיט דִי זַאךְ וָואס עֶר ווִיל מִיר פַאנְגֶען דֶערְמִיט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, דַוְקָא אוֹיף דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, ווַייל דָארְט לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי אִים אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ, אִים אוֹיסְזָאגְן ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְז אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף קֶענֶען אִינְגַאנְצְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן סְ'וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב', שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפָרָשַׁת תֵּצֵא)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתֹּהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתֹּהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל צוּ דַיין חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין אוּן זִיךְ פְרֶעגְן 'מַה הַתַּכְלִית מִכָּל עוֹלָם הַזֶּה?' וָואס אִיז דִי תַּכְלִית פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט? אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז דָאךְ נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער. לְמַעֲשֶׂה, גָאר וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן דִי פְרַאגֶע, מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מְיַישֵּׁב זַיין אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תַּכְלִית? אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, חֲבֵרִים וָואס בֶּענְקֶען, ווִילְן אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט, מֶען רֶעדְט פוּן נָאךְ אַן עֵצָה אוּן נָאךְ אַן עֵצָה; דָאס מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תַּכְלִית.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף !

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִיר גֵייט עֶס נִישְׁט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ אוּמְזִיסְט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיר אַוֶועק - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, עֶס וַוארְט דִיר שֶׁענֶערֶע טֶעג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן פְּלוּצְלִינְג פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי - "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ', אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דִי שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, דִי שִׂמְחָה אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם קָאפּ, עַד כְּדֵי כַּךְ, עֶר הָאט אוּנְז מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען חוּץ לְיִשּׁוּב, מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן; קוּם קוּקְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אָן קֵיין חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן.

מָארְגְן אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה; דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרֶעסֶערֶע חִידוּשׁ, דִי מָארְגְנְדִיגֶע חֲתוּנָה זֶענֶען דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְדֶערֶע קְרֵייזְן, נָאר דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען בֵּיידֶע מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן בֵּיידֶע ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

דִי יְשִׁיבָה אִיז צוּרִיק אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג, דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג. עֶס אִיז אַ מְחַיֶּ' אַרַיינְצוּקוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג זֶען דִי עֶרְלִיכֶע בִּילְד ווִי עֶס זִיצְן צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים אָן קֵיין מַשְׁגִּיחִים, אָן גָארְנִישְׁט; זֵיי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דִי שִׁיעוּרִים גֵייעֶן אָן ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אַ טִיקֶעט מִיט אַ וֶועג אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה אִין אוּמַאן, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקֶל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֶבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֶבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֶבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֶבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט ווַייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְווִישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט ווִי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקֶל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְ'ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְווִישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶתְ'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן ווַייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְווִישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנָה'ן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶּער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקֶל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבַּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבַּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן,

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

<<<<<< נייעס

צדיק וואס פארשטייט זיי, און נאך יארן פון נישטערן האבן זיי זוכה געווען צו טרעפן דעם אור פון הייליגן רבי'ן דורך די קונטרסים, שפירן זיי פאר א חוב צו העלפן נאך אידן טרעפן זייער גליק. און אנשי שלומינו האבן זיך טאקע זייערווארעם אנגערופן און האבן מנדב געווען ברוח נדיבה.

יעצט ווען מען האט שוין געהאלטן דא, האט דער ראש ישיבה באשלאסן אז עס איז נישטא קיין פאסיגערע דאטום דערפאר ווי ראש חודש אלול, ווען מען גרייט זיך שוין צו פארן צום הייליגן רבי'ן, און אזוי אויך איז די פאסיגסטע פלאץ אינעם גרויסן זאל פונעם פאבריק ווי די הפצה גייט אן כסדר, די טראקס מיט פאפיר קומען כסדר אן פון איין זייט, און די מפיצים קומען אויפפיקן פארטיגע ספרים און קונטרסים פון די אנדערע זייט.

א געשמאקע סעודה איז סערווירט געווארן פאר'ן גרויסן ציבור, און דער עולם האט זייער הנאה געהאט פונעם געשמאקן פראגראם.

דער יושב ראש איז געווען מו"ה העניך אינדיג הי"ו איינער פון די ענערגישע חברי הנהלה וואס האט איינגעלייטעט דעם מסיבה מיט פאסיגע ווערטער. אויפ'ן אויבן אן האט זיך אנגעזעצן דער כהן שדעתו יפה מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו וואס האט געהאט די זכיה צו מייסד זיין און באגלייטן דעם קרן הדפסה פונעם ערשטן טאג, און האט יעצט זוכה געווען אפצוקויפן דעם שם הבנין וואס טראגט מיט שטאלץ דעם נאמען "בנין יואל הכהן ראזענבערג".

צום ערשט האט מען ארויפגערופן מו"ה יואל שניצלער הי"ו וואס האט דערציילט די השתלשלות פונעם דרוקן און שרייבן די אלע בריוו און שאלות ותשובות פון ראש ישיבה וואס ווערט געדרוקט אין "עצתו אמונה" און אין "איש אמונות" וואס האט שוין אויפגעלעבט און מחיה מתים געווען טויזנטער אידן.

דערנאך האט מען געהאט די געלעגנהייט צו הערן די ווערטער פונעם גרויסן מפיץ מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו וואס האט אראפגעלייגט וואס דער קרן הדפסה מיינט פון די פערספעקטיוו פון א מפיץ, ער האט דערציילט גאר אינטערעסאנטע און באלערנדע עפיזאדן וואס ער האט מיטגעהאלטן במשך די יארן וואס ער גייט הפצה.

דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון דרוקן די ספרים, און ווי שטארק מוהרא"ש פריידט זיך בעולם העליון ווען ער זעט אזא גרויסע הפצה פאבריק וואס קומט ארויס פון דא אן א שיעור ספרים גליונות און קונטרסים, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די פילע נייע פראיעקטן אין וואס די הפצה האט זיך אריינגעלייגט לעצטנס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געטיילט פאסיגע מתנות פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען מיט שיינע סכומים פאר'ן בנין, און מען האט געבענטשט ברכת המזון.

דאן האט דער ראש ישיבה געקלאפט א מזוזה אויפ'ן טיר, אזוי אויך אלע הויפט נדבנים זענען נתכבד געווארן מיט אנקלאפן א מזוזה אויף איינע פון די טירן.

דער ציבור איז זיך צוגאנגען פונעם מסיבה מיט א פרישע בליק אויף הפצה און אויף מפיצים. דער מסיבה וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלע משתתפים.

**כל המזכה את הרבים, אין חטא בא על ידו!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ לָאזְן פָאְרן קַיין אוּמַאן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ מַיין וַוייבּ וֶועגְן אוּמַאן, אַז אִיךְ ווִיל פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוֹדֶם הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס יָאר קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט פָארְן עֶס אִיז אַ סַכָּנָה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, זָאגְט זִי מִיר זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, "ווִי לַאנְג דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מִיר, פָארְסְטוּ נִישְׁט קַיין אוּמַאן!!!" אוּן זִי פְרֶעגְט מִיר, "דוּ גֵייסְט יֶעצְט בְּלָאזְן אוֹיף מִיר?" זָאג אִיךְ אִיר: "נֵיין! אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, נָאר אִיךְ וֶועל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִי פַארְדְרֵייט דֶעם שְׁמוּעֶס.

וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? זִי רֶעדְט ווִי אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּנוֹגֵעַ שָׁלוֹם בַּיִת, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת נוּצְט דִי וַוייבּ אוֹיס אוּמַאן אַלְס סְטְרַאשֶׁע נִישְׁט צוּ לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן, וָואס טוּ אִיךְ, אִיךְ ווִיל אָבֶער יָא קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ - וֶועסְטוּ גֶעוִוינֶען אִיר הַארְץ אוּן זִי וֶועט דִיךְ לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", רֶעדְן וֵוייךְ נֶעמְט אַוֶועק יֶענֶעמְ'ס צָארְן; דוּרְךְ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם הַארְטְסְטְן מֶענְטְשׁ.

דַיין וַוייבּ שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִירֶע חַבְרְ'טֶעס אוּן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, דֶערִיבֶּער שְׁרֵייט זִי אוֹיף דִיר, דָאס אִיז אַלֶעס פוּן דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין צִימֶער אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ פְרֶעג דֶעם רֶבִּי'ן 'פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי?' זָאגְט מִיר דֶער רֶבִּי, 'אַזוֹינְס צוּ זָאגְן אוֹיף מִיר, אַז אִיךְ בִּין פוּן יֶענֶעם כַּת רַחֲמָנָא לִצְלָן?!' רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס גֵייט אָן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער זָאגְט? אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הִתְנַגְּדוּת, מֶען הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, נִישְׁט וַוייל יֶענֶער הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דוּרְךְ דִי מַחְלוֹקֶת אוּן דוּרְךְ דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים - וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים אוּן עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת".

דָאס אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן דָאס אִיז פוּן דִי מַחְלוֹקֶת, פוּן לָשׁוֹן הָרָע - וָואס צִיט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר אוּן דָאס הַאלְט אָפּ דִי גְאוּלָה. דֶער רֶבִּי הָאט דִי כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר דִי מַחְלוֹקֶת אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רָע פַארְשְׁטֶעלְט אַלְצְדִינְג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט בְּכַעַס אוֹיף דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, זִי שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִיר מִשְׁפָּחָה, פוּן אִיר טַאטֶע מַאמֶע אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, דָאס מַאכְט זִי זָאל שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועסְטוּ אִיר אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דוּ רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ; זָאג אִיר: "אִיךְ וֶועל זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר, מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער אַז אִיךְ פָאר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט מִיר דָאס נִישְׁט אַזוֹי בַּאדֶערְן, נָאר דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט מִיר אַזוֹי שַׁארְף 'ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ פָארְסְטוּ נִישְׁט קַיין אוּמַאן!' דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר אַזוֹי שַׁארְף, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי"; זָאג אִיר: "לָאמִיר זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם, לָאמִיר זַיין אַיינְשְׁטִימִיג, אִיךְ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

הָאבּ צוּ דִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ וִויל נָאר טוּן גוּטְס, אִיךְ וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן - נִישְׁט דִיר אִיבֶּער צוּ לָאזְן, אִיךְ וִויל פָארְן צוּם צַדִיק וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן, אִיךְ וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן וַוייל דֶער רֶבִּי שְׁטַארְקְט מִיר מַיין אֱמוּנָה, עֶר בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר אַ חַיוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויל אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין; מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, פַארְוָואס וִוילְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ מִיר? אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי גוּט צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר אַ גַאנְץ יָאר, אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר דִיר אַ גַאנְץ יָאר, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שֵׁיין, אִיךְ טְשֶׁעפֶּע דִיךְ נִישְׁט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ מִיךְ אַזוֹי טְשֶׁעפֶּען? פַארְוָואס וִוילְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט מִיר פוּן אַ זַאךְ וָואס אִיז בַּיי מִיר אַזוֹי חָשׁוּב?!"

דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ מְתַקֵן זַיין, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, פַארְוָואס אִיז דָא אַזַא מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן?! פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט?! פַארְוָואס קֶען מֶען פָארְן אִיבֶּערָאל, מֶען קֶען גֵיין אִיבֶּערָאל - אוֹיסֶער קַיין אוּמַאן?! הֶעלְף מִיר אַז מַיין וַוייבּ זָאל אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת"; מִיט תְּפִילָה וֶועסְטוּ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יודא אייזנער** הי"ו
בן מו"ה **נתנאל** הי"ו
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **יואל טייטלבוים** הי"ו
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל, עצי תמרים

***

החתן **יוסף מערמלשטיין** הי"ו
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג

***

החתן **דוד פוקס** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **גדלי' דוד בלום** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב ראטטענבערג** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אלטער לעוו** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# בית פיגא שולע געעפנט אין ירושלים עיה"ק צום נייעם אלול זמן

**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.** דער פסוק פון הלל זאגן יעצט אנשי שלומינו אין ירושלים עיר הקודש, ווען נאך א לאנגע צייט פון האפן און בעטן דעם אייבערשטן האט מען יעצט זוכה געווען אז די תפילות זענען נתקבל געווארן און מען האט געעפענט די נייע שולע "בית פיגא ברסלב", וואו די קינדער פון אנשי שלומינו וועלן האבן די זכיה צו לערנען פון גאר איבערגעגעבענע לערערינס תלמידות היכל הקודש, וואס וועלן מחנך זיין די אידישע נשמות מיט אמונה און יראת שמים, פון קליינווייז אן וועלן זיי שוין וויסן אז "אכן יש השם במקום הזה"; יא, דער אייבערשטער איז דא אין דעם פלאץ וואו איך שטיי, (אזוי פלעגט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו לערנען מיט די קינדער ווען ער איז געווען א מלמד אלס אינגערמאן).

נישט לאנג צוריק האט זיך געעפענט דער תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים אין שטוב פון מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו וואס האט אראפגענומען א צימער פון זיין דירה, וואס האט א באזונדערע ארייגאנג פון די גאס, און א חצר פאר די קינדער צו שפילן.

מען האט דעמאלט אויפגענומען א מלמד מומחה א תלמיד פונעם ראש ישיבה, וואס האט גענומען שימוש ווי אזוי צו לערנען מיט קינדערביים ראש ישיבה אין וויליאמסבורג. עס קומען כסדר צו נאך קינדער צום תלמוד תורה, און מען האט שוין אויפגענומען נאך א מלמד מומחה. די עלטערן און די קינדער צוגלייך זענען ברוך השם זייער שטארק צופרידן, די קינדער זענען זייער פריילין יעדן טאג צו גיין אין חדר, ווי דער איבערגעגעבענער מלמדווארט זיי אפ, און געבט זיך אפ מיט זיי מיט ווארעמקייט, און פרעדיגט אריין אין זיי אמונה אינעם אייבערשטן, אויף אזא וועג אז זיי זאלן דאס קענען מיטנעמען אויפ'ן גאנצן לעבן בעזר השם.

נאכדעם וואס די עלטערן האבן געזען די הצלחה פון זייערע אינגלעך אין תלמוד תורה, זענען זיי געקומען צום מנהל פרעגן וואס וועט זיין מיט די מיידלעך, זיי ווילן אויך באקומען די שיינע חינוך פון אמונה.

די הנהלה האט עס איבערגעשמועסט מיט'ן ראש ישיבה, און איבערגעגאנגען אלע אפציעס בנוגע עפענען דעם נייעם בית פיגא שולע, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אויפ'ן נייעם אלול זמן קען מען עפענען בשעה טובה ומצלחת.

ביי א ליל שישי שיעור האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די חסדים פונעם אייבערשטן וואס ער טוט מיט אונז אז מען האלט שוין ברוך השם ביים פערטן בית פיגא שולע. דריי אין אמעריקע און יעצט עפנט זיך אויף די פערטע בית פיגא שולע קעה"ר צו די פרייד פון אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל גאר שטארק מצליח זיין, עס זאל ארויס קומען פון די שולע ערליכע הייליגע תלמידות וואס לעבן מיט אמונה און ווייסן אז אידישקייט איז די שענסטע און געשמאקסטע זאך אויף דער וועלט.

אויב ווילט איר נעמען א חלק אין די גרויסע זכותים אויפצוהאלטן דעם חדר און די סקול אין ירושלים עיה"ק קען איר זיך פארבינדן מיט'ן גבאי מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו אויף **646-302-8957**.

**רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה!**

***

# חנוכת הבית פאר'ן בנין הגדול והמפואר קרן הדפסה קרית ברסלב ליבערטי

גאר א געהויבענעם מעמד חנוכת הבית איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם זונטאג שופטים נאכמיטאג נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז מקוים געווארן דער פסוק כי עתה ה' הרחיב לנו ופרינו בארץ, עס איז אונטערגעקומען אפצוקויפן א גרויסע קאמערשאל געביידע מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען פאסיג פאר'ן גרויסן הפצה פאבריק, און מען האט יעצט זוכה געווען צו באנייען דעם גרויסן בנין לשמחת לב אלע אנשי שלומינו.

כדי דאס צו קענען אפקויפן האט זיך געפאדערט גרויסע סכומים, און אנשי שלומינו - וואס רוב רובם זענען נתקרב געווארן טאקע דורך די הייליגע ספרים, דורך די לעכטיגע דיבורים - זענען זייער ווארעם דערפאר, זיי שפירן א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר'ן רבונו של עולם אז נאכדעם וואס זיי האבן געזוכט א

<<<<<<

## די הייליגע טעג

**דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף די הייליגע טעג ראש השנה, יום כיפור, און סוכות**

**> קול ברסלב <**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י החתן גדלי' אפפעל הי"ו לרגל שמחתו למזל טוב בשעה טובה ומצלחת